גוט שבת אלע אידן. ר' בנימין ווילהעלם ע"ה איז געווען איינער פון די עסקנים וואס האט אסאך געהאלפן בויען שיכון סקווירא אין די ערשטע יארן. ער האט אויך געגרינדעט ישיבה תורה ודעת מיט אנדערע מוסדות אויך. ער איז זוכה געווען צו האבן מוראדיגע סייעתא דשמיא מיט זיין עסקנות און ער האט מצליח געווען דורך מסירת נפש צו קענען העלפן אסאך אידן. ר' בנימין איז געבוירען געווארן אין פוילען אין בערך תרמ"ה און ער איז נעבאך א יתום געווארן ביי די עלף יאר, ל"ע. ווען בנימין איז געווען פופצען יאר אלט, האט ער באקומען א בריוו פון א חבר וואס איז געגאנגען וואוינען אין ניו יארק. יענע חבר האט געהערט וועגן בנימין'ס שווערען מצב און ער האט געשטופט בנימין צו קומען צו דעם גאלדענע מדינה.

א שטיק צייט שפעטער איז בנימין טאקע ארויפגעגאנגען אויף א שיף קיין אמעריקא. ער האט נישט געהאט קיין פרוטה אין טאש, נאר ער האט באצאלט זיין טיקעט דורך ארבעטען אין דעם שיף'ס כשר'ע קאך.

ווען בנימין איז אנגעקומען קיין ניו יארק, האט א קליינע גרופע פון זיין חברים פונדערהיים אים אויפגענומען. ביי א צוזאמענקומען פון די חברה האבן בנימין מיט זיין חברים זיך אפגעמאכט אז זיי גייען בלייבן ערליכע פרומע אידן אפילו אסאך אנדערע אידן האבן זיך ליידער, ל"ע אוועקגעגליטשט פון אידישקייט. אין די יארן האט א שומר שבת איד געדארפט זוכן א נייע ארבעט יעדעס וואך ווייל איינער וואס האט נישט געארבעט שבת האט מען אים אפגעזאגט פונעם דזשאב.

ב"ה אז בנימין האט געעפענט א געשעפט וואס האט זייער שיין מצליח געווען. דערנאך האט ער א שידוך געטון און זיי האבן געוואוינט אין מאנהאטען אין דעם "לאוער איסט סייד." אפילו אז בנימין האט געפירט זיין געשעפט, האט ער קובע עתים געווען צו לערנען תורה יעדען טאג, און דורך דעם איז ער גראדע געווארן א תלמיד חכם.

אין תרע"ז זענען בנימין מיט זיין בני בית געגאנגען וואוינען אין וויליאמסבורג וואו עס איז געווען מער פרישע לופט, וכו'. עס איז געווען אבער איין פראבלעם אין וויליאמסבורג, עס איז נישט געווען קיין תלמוד תורה דארט וואו ער וועט קענען שיקן זיין יונגעל.

ר' בנימין האט אנגעפאנגען ארומצוגיין זוכן מענטשן וואס וועלן מאכן א ישיבה אין וויליאמסבורג. ער האט גערעדט מיט עטליכע גבירים און בעלי בתים אבער זיי הבן אלע געזאגט די זעלבע נוסח: "אמעריקע איז אנדערש ווי אינדערהיים, דא דארף מען נישט האבן קיין ישיבות! וכו'" יענע אידן האבן ליידער געשיקט זייערע קינדער אין פאבליק סקול, השם ירחם.

ר' בנימין איז ארומגעגאנגען חדשים אבער ער האט נישט מצליח געווען צו איבערצייגן דעם עולם. איין טאג, האט ר' בנימין געטראפן א חבר אויפן גאס. יענער האט געפרעגט ר' בנימין צי ער האט מצליח געווען מיט די ישיבה. ווען ר' בנימין האט אים געענפערט "ניין", האט יענער געזאגט צו ר' בנימין, "הער צו... הער אויף צו בעטן פון אנדערע צו עפענען א ישיבה און הייב שוין אן דו אליינס צו טון דעם ארבעט!"

דורך די קומענדיגע פיר חדשים האט ר' בנימין געהאלטן ביי אים אין שטוב "טיי אווענטס" וכו'. אבער ליידער האבן זיי נישט אזוי שטארק מצליח געווען און ר' בנימין איז געבליבן אנע געלט צו אנפאנגען די ישיבה.

עס איז געקומען הושענא רבה תרע"ח און ר' בנימין האט געמאכט א פלאן. אזוי ווי די מנהג איז ביי אסאך אידן, עס זענען צוזאמענגעקומען אידן יענע יאר אין דער פוילישער שטובל הושענא רבה ביי נאכט צו זאגן דעם תיקון. יענער שטובל איז געווען פון די גרעסטע שולס אין וויליאמסבורג. יענע נאכט, איז ר' בנימין צוגעגאנגען און ער האט געקלאפט אויפן בימה זאגענדיק, "איך גיי נישט לאזן ענדיגען דעם תיקון ביז מיר קענען באשליסן א דרינגלעכע ענין: די צוקונפט פון אונזערע טייערע קינדער. אסאך דא מיינען אז זיי קענען ווייטער שיקען זייערע קינדער אין פאבליק סקול אריין. אבער זיי מאכן א ריזיגע טעות! אהן תורה, גיין אונזערע קינדער נישט זיין קיין תורה'דיגע אידן. און, אנע ישיבה גיין זיי נישט האבן קיין תורה!"

ווען ר' בנימין האט געענדיגט זיין אפיל האט ער אנגעהויבן צו בעטן נדבות פאר זיין ישיבה. א געוויסער גביר וואס האט געהייסן מר. אהרן גאלדמאן האט גלייך געגעבן א טשעק פאר איין טויזענט דאלאר און אן אנדערער איד וואס האט געהייסן מר. וואלף האט געגעבן פונף הונדערט, וואס ביידע סכומים זענען געווען ריזיגע סכומים געלט אין יענע טעג.

מענטשן זענען געוואר געווארן וועגן ר' בנימין'ס אפיל און דער עולם האט ב"ה זיך שיין אנגערופן. עטליכע חדשים שפעטער האט ער געדינגען א בנין אויף מארסי און קיפ סטריטס. פונף און פערציג קינדער האבן זיך פארשריבן אין די ישיבה, וואס ר' בנימין האט געפלאנט צו עפענען חודש אלול.

ווען חודש אלול איז אנגעקומען, האט ער געזען אז ער האט נישט געהאט גענוג תלמידים צו דעקן די גרויסע הוצאות. דעם "באורד" פון די ישיבה האט געשטימען אז מען זאל ווארטען נאך א יאר צו עפענען די ישיבה ביז זיי וועלן האבן דעם געלט. אבער, ר' בנימין האט נישט מסכים געווען. נאכדעם וואס דער באורד האבן געהערט וואס ר' בנימין האט געזאגט, האבן זיי געזאגט אז זיי גיין אפשטופן די החלטה ביז נאך יום כיפור.

יום הקדוש איז געקומען און ר' בנימין האט געהאט א פלאן. ער האט געדאווענט זייער פרי ביחידות אינדערהיים און נאכדעם האט ער אנגעפאנגען ארומצוגיין צו אלע שולס אין דעם געגענט וואו ער האט געמאכט אפילס דעם גאנצע טאג. ב"ה אז ער האט מצליח געווען און נאך פונף און פערציג קינדער זענען שפעטער פארשריבן געווארן אין די ישיבה וואס ער האט גערופן "תורה ודעת!"

קעגען איבער די ישיבה האט געוואוינט א גרויסער גביר וואס האט געהייסן ר' ישראל בעלסקי ע"ה. ר' בנימין האט אסאך "מקרב" געווען ר' ישראל, און גערעדט מיט אים וועגן די מעלות פון די ישיבה. צום סוף האט ר' ישראל מסכים געווען צו שיקן זיין פונף יעריגער זון בערל צו לערנען אין די ישיבה. שפעטער האט ר' בנימין גענומען בערל פאר אן איידעם. ר' בערל ז"ל'ס זון איז דער היינטיגער ראש ישיבה פון תורה ודעת הר' ישראל בעלסקי שליט"א. מען קען זיך נישט פארשטעלן די שכר וואס ר' בנימין האט דורך דעם וואס ער האט געגרונדעט אזא מוסד התורה!

די תורה רעדט די וואך וועגן די חיוב פון געבן געלט צו מוסדות. זונטאג קומט פאר דער גרויסער מעמד דער יערליכער דינער לטובת אונזערע הייליגע מרכז הכוללים צוזאמען מיט א הכנסת ספר תורה לע"נ דער עסקן נמרץ ר' זלקא קארן ז"ל. איז לאמיר געדענקען דעם מעשה פון ר' בנימין ווילהעלם ע"ה. דורך דעם וועלן מיר אלע וועלן משתתף זיין וויפיל עס איז שייך כדי צו האבן א חלק אין דעם ריזיגע מצוה פון שטוצן מוסדות התורה. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר לוי יצחק גאלדשטיין הי"ו לרגל שמחת נישואי בתו בשעטומ"צ

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין בדף זה לאחר התפילה**